Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

טרָאמרויטאנ

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

ס'דעקט ווי א כופע-קלייד די אקסל צו דער שניי איר.
— וואָס האָט זי אים אזוינס געזאָגט אפּן פאַרהער?
ער האָט קיין קרעכץ פון איר געהערט און קיין געשרייען,
ווען מ'האָט געקריצט אפ איר דעם שטערן מיט א שווערד!

ס'צעטראסקעט לייַב ער צו דער ערד וואָלט צוגעטוליעט,
נאָר ס'האָט דער שניי אפ אים פארלייגט זיך מיט א נעץ,
און ווינטן מאָרדעווען און שטויסן אים צעהוליעט,
און יעדער לאכט פון אים אין ווייַטן ווי א לעץ

און וואָיעט אויס דורך הוילע קוימענדיקע טרויבן:
די פארטיזאנער — אומעטום און איבעראל!
און מיטאמאָל — א שאָס דערלאנגט דאָרט א פּאַרטויב אים,
און בא דער טליִע פאלט אוועק דער גענעראל!

איבער די הויפן גייט דער אומעט ווי א וואנדערער,
ער קלאפּט אין שטיבעלעך — אין יעדעס לויט דער ריי;
אין שניי מיט לאנדסלייַט זייַנע וואלגערט זיך באנאנד דאָרט
דער גענעראל פון א פארטיליקטער ארמיי!

— געוועלבטע בערג הארוגים, אכטונג!
— צעפּיקטע שארבנס, — אופּ! אין ערן-וואכ!
דער גענעראל האָט זיך פארשלאָפן דאָ אפ נאכטלעג,
ער וועט ניט אופשטיין אפן דורכקוק פארן שלאכט!

ס'וועט מאָסקווע קיינמאָל שוין ניט כאָלעמען זיך מער אים.
בלויז מיטן קייווער זיך באנוגענען וועט ער,
אין זייַנע ציילע:ס זיך פארפוצן ווערן ווערעם —
אין א רוסיש דאָרף אין א באפרייַטס — אונטער דער ערד!

———— ★✦★ ————

## נאטיורמאָרט

א שארבן פון א פערד, געפאנצערט מיט א קאסקע,
א קאָפּ פון א יעפרייטאָר, גריוועדיק און געל,
איניינעם פוילן אין א קאליוזשע — צעכראסטעט,
פארדעקטע מיט א גרינעם דייַטשישן שינעל.

זיי שלאָפן נאזנדיק אין זומפּ פארוואונדערט,
פון גרונטן שוימיקט שימל זיך צעגרינט;

דער פרילינג בעט מיט קויט צעטײַעטנ זיי אונטער,
אונ ס'רײַסט די דעק אראָפּ פונ זיי דער ווינט.

ס'באהויכט זיי טויטערהייט צומ ערשטנ מאָל ביזאָיענ.
די ציינ — אנטבלויזט, נאָר אָנמעכטיק צו טאָנ א ביס.
צוקאָפּנס קוקט זיכ שטיל אינ זיי א קראָ אײַנ
אונ קערט מיט עקל אָפּ פונ זיי דעמ פיסק.

אינ א צעלייגטנ דעמב זיכ קראצט א טאנק א קריפּל,
דאָס זשאווערדיקע אינגעווייד ווי גאל פונ אימ דאָרט טריפט;
מיט בלאָטע אָנגעשטאָפּט דער בויכ איז אונ די ריפּנ,
צעדרייטע ציינ-קאסטנס — פארכליופּעט אינ א ריוו,

אנ אויסגעסאדערטנ מיט פּלעשער פונ שאמפּאניער,
מיט מאסקעס קעגנגאזיקע אונ קעלישעקלעכ פאר קאָניאק, —
דאָס איז דער איבערבלײַב פונ פּאָלק „גערמאניע”,
וואָס איז א שיקערער געגאנ אפּ מאָסקווע, ווי אפּ יאגד.

ס'איז שטיל אינ וואלד. קיינ פייגלשעס געהאווענ.
ווי קוואָרימ קוקט בלינדאזש זיכ אײַנ אינ א בלינדאזש;
דער וועג זיכ שפּרייט אפּ וועסט פונ מאלאָיאראָסלאוועצ,
דער וועג פונ בראָכ, צוריקלויפּ אונ פונ אש.

זיי האָבנ ווינטערנ אינ וואלד געקליבנ זיכ א ווינטער,
סילוועסטער דאָ באגערט באגעגנענ האָבנ זיי.
געגאנגענ זײַנענ בייזע רוסלענדישע ווינטנ,
באלאגערט האָט זיי דאָ דער רוסלענדישער שניי.

נאָר שיקער זיכ געשוימיקט האָבנ האָפּערדיקע טאָסטנ,
מיט טרערנ אונ מיט וויי פונ קינד-אונ-קייט,
פאר א פּאראד-אליי א בלוטיקער אינ מאָסקווע,
וווּהינ עס האָט גערמאניע זיי באגלייט.

בורגאָנער ווײַנ, קאָנסערווּנ פונ נאָרוועגנ.
אונ זעקס-אונ-נײַנציקער, אונ רוסלענדישער שפּעק,
אונ בריוו אהיימ מיט צוגעזאָגטע רוסישע פארמעגנס,
מיט אדרעסנ קיינ מאָסקווע — אפּ צוריק — דירעקט!

אונ ס'האָט דער ווינט געלאכט, צעקאטשענדיק די ביימער,
דער ווײַסער רוימ פונ אָפּהילכ האָט געפּלאצט:

די בריוו ניט אָפּגעשיקט פון וואלד אהיים מער,
געיילט זיי אָפּשיקן דירעקט פון רויטן פלאַץ,

און — מיט א ריוו זיי האָבן זיגרייך זיך באַנוגנט,
א קייוועך אין א קאַליוזשע — הארכאָוועדיק, באַם וועג,
א ציילעם פון א טאַנק, דאָס וואָיען פון א וויוגע
און דער שינעל דער גרינער פאַר א דעק.

ס'איז שטיל אין וואלד. דער פרילינג קישעפּ פּראוועט,
צום אקער און פארזיי איז גרייט די ערד;
דער וועג זיך שפּרייט אפ וועסט פון מאלאָיאראָסלאוועץ,
דער וועג פון צוריקלויפן אָן פּיס און אָן דער שווערד...

———— ★✦★ ————

## טראָפּייען

זיי טראָגן בלינד אפ זיך די גוירלדיקע דאטן,
ווי איידעס — גרייט פאַר יעדן צום פארהער;
אָט זיינען זיי, די שווארצע גאָרגלען פון הארמאטן,
דערוואָרגענע מיט אונטערמאָסקוועדיקער ערד!

צו בלוט און בראָך זיי זיינען מער ניט דאָרשטיק,
דעם גיך אין וועג געשטילט האָט זיי דער שניי.
פארקריפּלט שטום דערציילט א יעדער בראָכשטיק,
ווי ניט דערקראָכן אונטער מאָסקווע זיינען זיי!

אין שטרענגער שטילקייט פון בעסאלמענדיקע רייען,
ווי מייסים שטאָלענע בא קוואָרים אפ דער וואַך, —
רוען אין זאלן פון מוזיי די דייטשישע טראָפּייען
אפ פּאָסטאמענטן אייגענע פון בראָך אין שלאכט!

צעקרימט געווער און זשאווערדיקע ציילעמס
פון האָרדעס בלוטיקע, אפ טויט-פעלדער פארוויגט,
וועלן אין טרויער דוירעסלאנג דערציילן,
ווי מ'איז געגאן פון אונטער מאָסקווע אפ צוריק.

אונטער א גלאָז, גלייך ווי פארספירט וועט אין סלויען,
וויגן שינעלן זיך אפ העלצלעך אקוראט.
מ'האָט זיי געפּרעסט און זיי דעם קאָוועד אָנגעטרויעט,
אז אָנטאָן זאָלן הענקערס זיי צו דעם פּאַראַד